# אין ערווארטונג.

די זיצונגען פון קאנגרעס דויערן נאך, און ווי עס ווייזט זיך ארויס וועלען זיך די פערהאנדלונגען פערציהען מיט עטליכע טעג לענגער ווי מען האט פארגעזעהען.

פון די ביז-יעצטיגע דעבאטען, לויט די ידיעות וואס מיר האבען בעקומען, זענען מיר מיט גארנישט קלוגער געווארען, און די לאגע איז פאר אונז נישט קלארער געווארען. אויך די רייבונגען צווישען די פערשידענע פאליטישע ריכטונגען זענען נישט קלענער געווארען, און עס איז נישט מעגליך זיך צו קענען שאפען א בילד ווי דער רעזולטאט, דער אויסגאנג פון דער פערפלאנטערטער לאגע וועט אויסזעהען.

אז די קאמפען זענען געווען גענוג העפטיגע און די דעבאטען גענוג שטורמישע ווייסען מיר, ס'איז גענוג צו זעהען דעם סקאנדאל וואס איז פארגעקומען צווישען די ביידע פערביסענסטע געגנער—די ארבייטער-פארשטעהער און די רעוויזיאניסטען, וועלכער האט ארויסגערופען גרויס עמפערונג. ס'איז אויך גענוג וואס עס האט געקענט קומען אזא ווילדע ידיעה אין דער פרעסע, אז פראפ. ווייצמאן האט בעקומען פעטש, אמת די דאזיגע ידיעה אין וועלכער קיין פערנונפטיגער מענש האט נישט אנגעהויבען צו גלויבען איז באלד אבגעלייקענט געווארען, אבער בלויז דאס אליין וואס אזא מין ידיעה קען קומען אויפ'ן געדאנק, זאגאר פון אויסגעשפראכענע היץ-קעפ, בעווייזט שוין אז דער קאמף איז ווייט נישט געפיהרט געווארען אין די ראהמען אין וועלכע ער האט געדארפט געפיהרט ווערען.

מען קען זיך אויך נישט פארשטעלען ווי אזוי עס וועט געלעזט ווערען די הויפט-פראגע וועגען ווייצמאן אדער נישט ווייצמאן וועלכע איז ווי בעוואוסט נישט קיין פראגע פון זיין פערזאן נאר פון זיין שיטה, פון זיין מעסיגער זאגאר צו מעסיגער פאליטישער שיטה, אין בעצוג צו דער ענגלישער רעגירונגס-פאליטיק.

איבערהויפט איז די דאזיגע פראגע פערשארפט געווארען איצט נאך דעם בעוואוסטען אינטערוויאו וואס פראפ. ווייצמאן האט געגעבען דעם פארשטעהער פון יט"א וואו ער האט ווידערהאלט זיינע ווערטער וועלכע ער האט געזאגט מיט א יאהר צוריק אויף א זיצונג פון אקציאנס-קאמיטעט וועגען א בי-נאציאנאלען שטאט אין ארץ-ישראל. אט די דאזיגע ווערטער זיינע וועלכע האבען זיינער צייט ארויסגערופען א שטורם אין דער ציוניסטישער וועלט, האט ער איצט געזאגט קלאר און דייטליך פון דער קאנגרעס-טריבונע. ער האט אפען ערקלערט, אז „ער האט נישט קיין סימפאטיע און אויך נישט קיין פערשטענדניש פאר דעם פאסטולאט פון א יודישער מעהרהייט אין ארץ-ישראל", „אז די וועלט וועט פערשטעהן דעם דאזיגען פאסטולאט אז מיר ווילען שאפען א מעהרהייט בכדי ארויסצושטופען די אראבער, און מיר דארפען נישט ארויסרוקען א פאדערונג וואס קען בלויז רייצען די געמיטער".

די דאזיגע בעהויפטונגען, וועלכע זענען געגען דער איבערצייגונג פון דער ציוניסטישער מעהרהייט, אין וועלכע פראפ. ווייצמאן האט איצט ספעציעל בעטאנט בכדי מען זאל נישט מיינען אז ער חאט זיך במשך דער צייט אבגעזאגט און צוריקגעצויגען פון זיינע פאליטישע מיינונגען. דאס האט שוין, ווי זאגאר די מעסיגסטע ערקלערען, אבגעווארפען יעדען צווייפעל אז ער זאל נאך קענען בלייבען אויף זיין אמט אלס פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

און דאריבער ווערט איצט אוועקגעשטעלט אין דער גאנצער ברייט די אונגעהויער-וויכטיגע פראגע ווער וועט איהם פערטרעטען, ווער וועט זיין די פערזאן וועלכע די קאנגרעס-מעהרהייט וועט איינשטימיג איבערגעבען דעם דאזיגען אזוי-וויכטיגען און פעראנטווארטליכען אמט, צו שטעהן אין דער שפיץ פון דער גרויסער און מעכטיגער פאלקס-בעוועגונג, און אנצופיהרען מיט דער יודישער פאליטיק, איבערהויפט ווען עס איז קיין ספק נישט אז נאך ווייצמאנ'ס אוועקגעהן וועט אויסקומען צו פיהרען נאך א שטארקערן קאמף מיט דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע וויל אומבעדינגט זעהען ווייטער דעם פראפ. ווייצמאן אין דער שפיץ פון אלוועלטליכען ציוניזם, ווי זי האט דאס געגעבען גענוג קלאר צו פיהלען.

אזוי איז דאס, שוין 10 טאג דויערט דער קאנגרעס, אויף וועלכען די יודישע וועלט לעגט גרויסע האפנונגען אז ער וועט קלאר מאכען די לאגע, און מיר זענען נאך פארלויפיג קיין שריט ווייטער נישט געגאנגען.

מיט דער גרעסטער שפאנונג ווערט ערווארט אז דער קאנגרעס וועט די אלע וויכטיגע פראגען גינסטיג לעזען אז עס וועט איהם געלונגען ארויסצוגעהן פון דעם נרויסען פלאנטער מיט א זיעג, וועלכער זאל אלעמען צופרידענשטעלען, און וועלכער זאל געבען די מעגליכקייט צו פיהרען א פלאנמעסיגע אינטענסיווע טעטיגקייט לטובת דער אויפבוי-ארבייט אין א"י.

י. פ.

# פון דער וואך.

## דער אמעריקאנישער מאראטאריום.

ענדליך נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען צווישען אמעריקא און פראנקרייך איז מען געקומען צו א הסכם בנוגע דעם מאראטאריום וואס דער אמעריקאנער פרעזידענט הובער האט פארגעלעגט, און צו וועלכען פראנקרייך האט נישט געוואלט איינשטימען.

די פערשטענדיגונג איז צושטאנד נעקומען אז עס זאל געמאכט ווערן אזא פראוויזארישע פאזיציע, וועלכע זאל הייסען אז דייטשלאנד צאהלט איין די סומע וואס זי דארף צאהלען אלס ראטע, און די זעלבע סומע בעקומט זי צוריק ארויסגעבארגט.

## די דייטשע פערפליכטונג.

צוליעב די שטענדיגע קלאנגען אז דייטשלאנד טראגט זיך ארום מיט מלחמה-געדאנקען געגען פוילען איז ערוועקט געווארען די פראגע, אז איצט נאכ'ן מאראטאריום וואס דייטשלאנד בעקומט וועט זי גיכער האבען די מעגליכקייט אויסצופיהרען איהרע מלחמה-פלענער. דאריבער האט פרעז. הובער גענומען פון דייטשלאנד א פערפליכטונג אז די געלדער וואס דייטשלאנד וועט איינשפארען דורכ'ן מאראטאריום זאלען בענוצט ווערען נאר אויף ווירטשאפטליכע צוועקען.

## רעזולטאטען פון קריזיס.

צוליעב דעם הערשענדען ווירטשאפטליכען קריזיס אין לאנד האט זיך בעדייטענד פערקלענערט די בעוועגונג אויף די באהנען אזוי אויף די פאסאזשיר-צוגען ווי אויף די פראכט-צוגען. צוליעב דעם ווערען אין פיעל באהן-דירעקציעס אבגעשאפט א טייל פון די קורסירענדע צוגען, בלויז די לעמבערגער באהן-דירעקציע האט בעשלאסען פון 15 ד. ח, אבצושאפען 40 פאסאזשיר-צוגען.

## נאך 67 מיליאן.

אין די פערשידענע מיניסטעריום'ס ווערט אלס נאך געפיהרט די ארבייט ארום דעם פערקלענערן דעם מלוכה-בודזשעט און צו רעדוצירען די אויסגאבען, ווייל עס ווייזט זיך ארויס אז נאך אלע רעדוקציעס און אבשפארונגען פעהלט נאך 67 מיליאן אז דער היירי-גער בודזשעט זאל נישט האבען קיין דעפיציט.

## נאך נישט רוהיג אין סאלאניקי.

טראץ די שריט וואס די גריכישע רעגירונג האט אנגענומען איינצושטילען דעם פאגראם אויף יודען אין סאלאניקי, און די שארפע רעדע, וואס דער גריכישע פרעמיער האט געהאלטען, טאדלענדיג שארף די פאגראמשטשיקעס, האט זיך אלץ דער פאגראם נאכנישט איינגעשטילט, עס קומען נאך פאר אנפאלען און אונטערצינדונגען, און די יודען לעבען אין דער גרעסטער שרעק און פאניק.

## עקספארט פון קליין,אינדוסטריע.

די פראגע וועגען צופאסען די פוילישע קליין-אינדוסטריע פאר עקספארט צוועקען ווערט אלץ ווייטער בעהאנדעלט אין די אפיציעלע קרייזען. דאס איז ספעציעל נוגע קאנפעקציע-אויסארבייטונגען, ווי אנציגער, הענטשקעס, און שיכווארג אויף וועלכע ס'איז פערהאן א נאכפראגע אויף די אויסלענדישע מערק.

דער מלוכה'שער עקספארט-אינסטיטוט וועלכער פערנעמט זיך מיט דער דאזיגער פראגע זאל צו דעם צוועק שאפען א ספעציעלע עקספארט-ארגאניזאציע וועלכע זאל בעשטעהן פון פארשטעהער פון צעכען און האנדווערקאמערן.

אזוי ווי די דאזיגע פאכען געפונען זיך צום גרעסטען טייל אין יודישע הענד איז דאס פאר'ן יודישען האנדווערקערטום א זעהר וויכטיגע פראגע.

## פראיעקט אבצושאפען דעם אומזאץ-שטייער.

די לאדזער האנדעלס-קאמער האט ארויסגערוקט א פראיעקט אבצושאפען אינגאנצען דעם אומזאץ-שטייער, און אנשטאט דעם זאל געהעכערט ווערען דער אבצאהל פאר פאטענטען.

SINALCO
ORZEŹWIA!!

## פאר רעוומאטיקער און נערווען-ליידענדע!

יעדער וואס ליידט אויף רעוומאטיזם, גיכט און נערווען דארף נישט צווייפלען אז ער קען געהיילט ווערען, ווייל טויזענדער ליידענדע האבען דורך טאגאל זייער געזונדהייט צוריקגעוואונען. פון פון זיינע ערפאהרונגען מיט טאגאל איז אונז מודיע ה' י. שערד, לבוב, לינדעגא 2 צ. א.: זייט א סך יאהרען האב איך אויף רעוומאטיזם און א שטארק רייסען אין רעכטען פוס געליטען. דורך די גאנצע צייט האב איך בענוצט אונצעהליגע הייל-מיטלען און אויך 2 מאהל בין איך אין בעדער אין אויסלאנד געווען, דער ערפאלג איז אבער דאך געווזען פאראיבערגעהענד, שמערצען האב איך ווייטער געהאט און האב קיין בעסערונג געפיהלט. פאר א ערך 3 חדשים האט מיך א בעקאנטער אויף טאגאל אויפמערקזאם געמאכט. איך האב מיר תיכף די טאבלעטען אין אפטייק געקויפט טאגאל האב איך בענוצט 3 מאל און טאג צו 2 טאבלעטען. שוין אין דער ערשטער וואך האב איך א גרויסע ערלייכטערונג געפיהלט אין די דריטע וואך בין איך פון דעם אונערטרעגליכען קוואל פטור געווארען און איך פיהל מיך ווי ניי-געבוירען. טאגאל וועל איך יעדען ליידענדען עמפפעהלען. עהנליך ווי ה' ש- איז מודיע א סך מענשען וועלכע האבען בענוצט טאגאל ביי רעוומאטיזם, גיכט, רייסען אין די געלענקען, קאפ און נערווען-שמערצען, ערקעלטונגען און עהנליכע קראנקהייטען. טאגאל איז אונשעדליך פאר'ן מאגען, הארץ און אנדערע ארגאנען. טאגאל לינדערט נישט נור תיכף די שמערצען, איז איז אויך א נאטירליכען אופן עוקר מן השורש די דאזיגע ליידען. דערפאר האט מען אפילו אין פערעלטערטע פאלען מיט טאגאל ערציעלט די בעסטע רעזולטאטען. אויב א סך טויזענדער דאקטוירים פערשרייבען דאס מיטעל, דאן קען יעדער מיט פול פערטרויען טאגאל קויפען. פרובט טאקי היינט נאך אליין אויס. פערלאנגט אבער נור טאגאל. ס'איז נישטא קיין בעסער מיטעל. צו בעקומען אין אלע אפטייקען, שוין פון 2 זל.

# (12 די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

8

געבוירען בין איך אין רוים — האט וויקטאר אנגעהויבען זיין געשיכטע — מיין פאטער אהרן פעלדמאן, איז געווען איינער פון די רייכסטע יודען אין רוים.

ביזטו מיין פריינד, א זוהן פון אהרן פעלדמאן? — האט געפרעגט אלבערט — איך האב אין מיין יוגענד פיעל געהערט וועגען דיין פאטער און די גרויסע טובות וואס ער האט געטהון די רוימישע יודען, אבער פלוצים איז ער פערשוואונדען געווארען צוליעב א סכסוך וואס ער האט געהאט מיט די יעזואיטען, און קיינער ווייסט נישט וואו ער געפונט זיך.

וויקטאר האט שווער אבגעזיפצט און געזאגט:

איך וויל דאך אייך דאס טאקי איבערגעבען די דאזיגע שרעקליכע געשיכטע, מיין פאטער איז געווען זעהר רייך, אבער מיט איינמאל האט ער פערלוירען נישט בלויז זיין אונגעהויער פערמעגען, נאר אויך זיין לעבען.

אה, דערצעהל טייערער—האט ראזא אויסגערופען.

מיין פאטער האט זיך פערנומען מיט באנק-וועזען — האט וויקטאר געזאגט — ער האט געהאט א גרויס באנק-הויז אין וועלכען ס'זענען געווען בעשעפטיגט ביז 10 מענשען, די גרעסטע מענער פון לאנד פלעגען זיך ביי אונז בארגען געלד, אבער אלץ איז געגאנגען פריי מיט דער געהעריגער ערלויבניש, מיין פאטער האט קיינמאל קיין צו הויכע צינזען נישט גענומען און איז דערפאר געווען געשעצט אין אלע קרייזען.

אונזער באנק-הויז איז מיט יעדען טאג געוואקסען גרעסער, און איז דערפאר געווארען אלס רייכער און רייכער, ביז ס'איז געקומען דער גרויסער קריעג צווישען רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד, ווען די גרויסע אונטערנעהמער די געברידער גראנאט וועלכע האבען צוגעשטעלט פערד פאר'ן פראנצויזישען מיליטער, האבען זיך געבארגט ביי מיין פאטער א האלבען מיליאן ליר, און אלס משכון האבען זיי איהם פערשריבען דעם חוב אויף זייערע הייזער.

אין יאהר 1653 האבען די ברידער גראנאט פערלוירען זייער גאנץ פערמעגען, און זיי האבען געמוזט ענטלויפען פון רוים, דעם פאטער האט דאס הארץ וועה נעטהון אויף די דאזיגע מענשען, וועלכע זענען איבער נאכט אומגליקליך געווארען, אבער ער האט געמוזט פאדערען זיין געלד, און דעריבער איז ער אוועק צום בירגערמייסטער וועלכען ער האט פארגעלייגט דעם וועקסעל פון די געברידער גראנאט, און געפאדערט אז ער זאל איהם איבערגעבען זייערע הייזער פאר דעם חוב.

דער בירגערמייסטער האט איהם געענטפערט אז ער קען נישט אליין איבערגעבען די הייזער פון קריסטען צו א יוד, טראץ דעם וואס געריכטליך האט ער דאס רעכט דערויף, און ער מוז זיך פריהער מיט דער אנפיהרענדער קריסטליכער גייסטליכקייט אדורכרעדען, דאריבער זאל דער פאטער קומען אין דריטען טאג נאך אנטווארט.

דער דאזיגער אונערווארטעטער ענטפער האט מיין פאטער ערשיטערט, און ווען ער איז אהיימגעקומען פון בירגערמייסטער האט ער זיך שטארק צווויינט און געזאגט צו אונז:

איך האב שטארק מורא מיינע טייערע אז איך וועל בלייבען א ארימאן, אז איך וועל פערלירען נישט בלויז די גרויסע סומע וואס מיר קומט ביי די גראנאט'ס נאר מיין גאנץ פערמעגען איז בעדראהט, ווייל אויב די גייסטליכע וועלען ווערען מיינע ריכטער, אויב זיי מיט זייער יושר וועלען דאס האבען צו ענטשיידען וועגען דעם חוב וועלען זיי שוין געוויס אזוי מאכען אז איך אלס יוד, זאל נאך מוזען צוצאהלען.

די מוטער און מיר די קינדער האבען געפרובט דעם פאטער צו בערוהיגען אבער ער איז געווען שרעקליך נידערשלאגען, און נישט געקענט זיך קיין ארט געפונען.

אזוי זענען אוועק צוויי טעג אין הארץ-וועהטאג און ערווארטונג אויפ'ן דריטען טאג, ווען דער בירגערמייסטער האט געזאלט געבען זיין ענטפער.

אבער אינדערפריה, ווען דער פאטער איז שוין געווען גרייט אוועקצוגעהן צום בירגערמייסטער איז פלוצים אריינגעקומען צו אונז אונזער אמאליגע קריסטליכע דינסט יעווא, מיט וועלכער עס האט פאסירט פאלגענדעס:

יעווא האט ביי אונז אין הויז געדינט עטליכע צוואנציג יאהר, און איז געווען פעררעכענט אלס איינע פון אונזערע שטענדיגע הויז-מענשען, זי איז אונז אויך געווען זעהר טריי און איבערגעבען, גרייט געווען פאר אונז אין פייער צו געהן.

איינמאל דאס איז געווען אין א קריסטליכען פייערטאג איז זי ווי געוועהנליך אוועק אין קירך, און ווען זי איז צוריקגעקומען געגען מיטאג האט זי געזאגט צו מיין מוטער אז זי מוז שוין, די מינוט פערלאזען אונזער הויז.

וואס איז געשעהן?—האט מיין מוטער ערשטוינט געפרעגט—אויך דער פאטער וואס איז גראד געזעסען ביים מיטאג האט זיך זעהר געוואונדערט.

עס איז מירווירקליך א גרויסער שאד צו פערלאזען אייער הויז וואו איך געפון זיך שוין 25 יאהר—האט יעווא געזאגט—און איך האב געגלויבט אז אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען וועל איך זיך מיט אייך נישט שיידען, אבער ווי איהר ווייסט בין איך א פרומע קריסטין, און דאס געבאט פון דער קירכע איז פאר מיר הייליג, און היינט האט דער גרעסטער גייסטליכער געהאלטען א רעדע וועגען די קריסטינס וואס דיענען ביי יודען און ער האט ערקלערט אז דאס איז א שרעקליכע זינד, אז מיר וועלען קיינמאל נישט ארויס פון גיהנום, ער האט דאריבער אויפגעפאדערט אלע קריסטליכע דינסטען אז זיי זאלען זאפארט די יודישע הייזער פערלאזען, און דאס געלד וואס זיי קומט פאר זייער ארבייט זאלען זיי אריינטראגען אין דער קאסע פון דער קירך.

רעדענדיג האט זי זיך צוויינט ווי א קינד, געקושט די הענד פון מיין מוטער און געזאגט: איך קען נישט אנדערש טהון, איך מוז אוועק.

די מוטער האט נאך געוואלט מיט איהר רעדען אז זי זאל ביי אונז בלייבען, אבער דער פאטער האט געזאגט:

איך פערשטעה דיך אויסגעצייכענט יעווא, דו האסט רעכט אלס גלויביגע קריסטין טארסטו נישט טהון אנדערש ווי די גייסטליכע הייסען, אלזא דו ביזט פריי און קענסט שוין פערלאזען אונזער הויז. איך צאהל דיר אויס צו איין העלער וואס דיר קומט, אבער וואס וועסטו טהון, פון וואנען וועסטו האבען צו עסען? ביזטו דען זיכער אז דו וועסט שוין בעקומען א שטעלע ביי א קריסט?

עס וועט מיר געוויס אויסקומען צו הונגערן—האט יעווא מיט טרעהרען געזאגט אבער איך קען אנדערש נישט מאכען.

אלזא אויסער וואס דיר קומט בארג איך דיר הונדערט לירא, אז די זאלסט האבען צו עסען די ערשטע צייט — האט מיין פאטער געזאגט.

יעווא האט זיך נאך מעהר צוויינט, זי האט געקושט די קינדער און אוועקגעהענדיג האט זי געזאגט, אז זי וועט קיינמאל אונזער הויז נישט פערגעסען, און וועט זיך בעמיהען אונז אבצודאנקען פאר דעם גוטען וואס מיר האבען מיט איהר געטהון.

איצט גראד ווען דער פאטער האט געוואלט געהן צום בירגערמייסטער, נאך צוויי יאהר אבוועזענהייט איז יעווא געקומען, און געזאגט אז זי האט דעם פאטער איבערצוגעבען עטוואס זעהר וויכטיגעס.

(פארטזעצונג קומט).

